Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 166 | Łódź, Poniedziałek, 18 lipca 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, י״ד תמוז תרצ״ב | № 166

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריסאווער 21, טעל. 224-71

# א פאגראם אויף יודען אין אמסטערדאם

## מאכען צוגערייזטע היטלעריסטען פון דייטשלאנד

אמסטערדאם, 17 (ספ. טעל.)

די דייטשע נאציאנאל-סאציאליסטען פון האנאווער זענען געקומען קיין אמסטערדאם אין זייערע אוניפארמען און פאגראמירט דעם יודישען קווארטאל אין אמסטערדאם.

זיי האבען אויסגעהאקט אלע שויבען אין די יודישע געשעפטען.

פאליציי האט ארעסטירט עטליכע היטלע-ראווצעס.

## ארויס די פעראָרדנונג

### וועגען פרייוויליגע ארבייטס-באטאליאנען אין דייטשלאנד

בערלין, 17 (ספ. טעל.) היינט איז פערעפענטליכט געווארען די פעראָרדנונג פון דער רעגירונג וועגען די פרייוויליגע ארבייטס-באטאליאנען.

די אויפגאבע פון די פרייוויליגע באטאליאנען וועט זיין פרייוויליג זיך צו שטעלען צו עפנט-ליכע ארבייטען. (אממייסטען מיינט מען דא די יונגעלייט, וועלכע וועלען זיך דערמיט פיזיש ענטוויקלען).

קודם כל ווערען צוגענומען מענשען, וואס זענען יונגער פון 25 יאהר.

## געשלאסען דעם פראנצויזישען פארלאמענט

פאריז, 17 (ספ. טעל.) היינט 2 פארטאג האט הערריא געמאלדען אין פארלאמענט, אז די סעסיע ווערט געשלאסען אויף א גאנצען זומער.

## ווי קומט שויז המן׳ס סוף?

### עס איז שוין אויף זיי די רעכטע צייט...

וויען, 17 (ספ. טעל.)

די ווינער האקענקרייצלער האבען אויפן „ברויענץ הויף" אויפגעהאנגען א קאריקאטור 10 מעטער די הויך, וואס שטעלט פאר א קאפ פון א יוד מיט בארד און פאות—און מיט אנ׳אויפשריפט: „אזוי וועלען הענגען אלע יודען!"

פאליציי האט פעראָרדנט ארונטערצונעהמען די קאריקאטור.

## בלוטיגע פארוואהל-פערזאמלונג

### אין גאנץ דייטשלאנד

בערלין, 17 (ספ. טעל).

היינט זענען פארגעקומען אין גאנץ דייטשלאנד הונדערטער פארוואהל-פערזאמלונגען.

עס זענען געהאלטען געווארען רעדעס, און, ווי געווענליך, לעצטענס אין דייטשלאנד, זענען פאר-געקומען בלוטיגע שלעגערייען.

צו דער חתונה פון אונזערע ליבע פריינד

פר״ל. פאלא ערליכמאן

מיט ה׳ פריץ ראזענצווייג

ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליך צוזאמענלעבען.

פראניא הילמאן

עליאש פאנטש

מאניעה גייער

מאקס בעקער

4309

רעשטען

לאדז, נאוואמיעסקא 5

פראנט, 2-טער שטאק

פערשידענע קאמגארנס, ביליצער, טאמאשאווער און לאדזשער אויף אנציגער און פאלטענס

ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען

מיט 30% ביליגער

קומט און איבערצייגט אייך, ביי

SZCZĘSLIWY

געדענקט נאר

אין פראנט, II שטאק

יודישע געז. פאר לאנדקענטשאפט אין פוילן

פון 31/VII ביז׳ן 10/VIII אויספלוג מיט׳ן סטאטעק

„מיט דער ווייסעל צום באלטישן ים"

וועלכער האט ארויסגערופען גרויס פעראינטערעסירונג אין די טוריסטישע קרייזען צוליב די זעהר וויכטיגע אטראקציעס, וואס זענען פערבונדען מיט׳ן אויספלוג, ווי אויך א דאנק די ביליגע קאסטען. עס ווערען בעזוכט: ווארשא, פלאצק, וולאצלאוועק, ציעכאצינעק, טארן, דאנציג, צאפאט, גדיניע און העל — דריי טאג אפרוה אין דער אייגענער קאלאניע פון דער יוד. געזעלש. פאר לאנדקענטשאפט אין פוילן, אפטיילונג אין לאדז, אין קארוויע אויפ׳ן באלטיק.

די אויבענדערמאנטע ערטער וועלען ווערען בעזוכט אונטער דער אנפירערשאפט פון בעקאנטע וועג-פיהרער, וועלכע קענען גוט די ארטיגע אינטערעסאנטע און בעלעהרענדע מערקווירדיגקייטען פון די שטעט, ווי: מוזעאומס, היילינגטימער א.א.וו.

אינפארמאציעס וועגען די אלע אויספלוגען ערטיילט דער סעקרעטאריאט פון דער יוד. געז. פאר לאנד-קענטשאפט אין פוילן, אפט. אין לאדז, וואלטשאנסקא 35, טעלעפאן 53-121 טעגליך פון 22-20 אוונט. א חוץ שבת און זונטאג.

מיר פיהלען מיט אייער צער חברים

משה און אהרן

ברייטשטיין

צוליב׳ן טויט פון אייער

פאטער

יוד. טעאטער-סטודיע

ביים „הזמיר"

8-ונג, אלע מענער-מאגאזין-שניידער-מייסטער

(מארינארקעס, פאלטענס, פארלעך)

דינסטאג, דעם 19-טען ד. ח. 10 פריה קומט פאר אין פעראיינס-לאקאל, פילסודסקיעגא 12

א גרויסע פערזאמלונג,

וועלכע וועט בעהאנדלען א רייה וויכטיגע פראגען. מיר בעטען אלע מיטגלידער און נישט-מיטגלידער אין אייגענעם אינטערעס צו קומען פינקטליך און מאסענווייז. אויף דער פערזאמלונג קומט אויך פאר א רעגיסטראציע פון אלע שניידער-מייסטער אין געשעפטען.

די פערוואלטונג.

בעמ.: היינט, מאנטאג, דעם 18-טען ד. ח 10 פריה קומט פאר א גרויסע פערזאמלונג פון אלע עקספארט-שניידער.

4363

שבועה דאורייתא

היינט, מאנטאג, קריאת התורה דעם 18-טען, 10 א זייגער פריה וועט לויט א בעשטימונג פון געריכט אין דער אלטשטעטישער שוהל פארקומען

א שבועה פון

ה׳ אבע פאמעראנצענבלום

זגערזשער 22, אין טלית און תפילין ביי שווארצע ליכט אין דער אנווע-זענהייט פון געריכט און ראבינאט וועגען א סכסוך. וואס ער האט מיט מיר. דאס וואס ער זאגט, אז ער האט מיר קיין געלד נישט געגעבען.

נאך דער שבועה וועט דער געליטענער טיילען אלע אנוועזענדע לעקיך מיט בראנפען.

מיט אכטונג ה. העלפאנד

לאדז, נאוואמיעסקא 7.

4188

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער שווער-געטראפענער פאמיליע ראזענבלאט צוליב׳ן טויט פון אונזער מיטגלידין, זייער אונפערגעסליכער מוטער

נ״ע פייגל ראזענבלאט

זייט געטרייסט!

די פערוואלטונג און די מיטגלידער פון קליינפישהענדלער-פעראיין פאמארסקא 15

בעקאנטמאכונג.

אין מיין ניי - רעמאנטירטען ערשטקלאסיגע לאקאל ווערען ארויסגעגעבען געשמאקע

מיטאגען

צום פרייז פון 1.60, מיט געפליגעל 1.75

ח. באדיני

פיעטריקאווער 43

4228

ר

זכער מאשינאווע ווערען אויסגעבייט

שרודמיעסקא 8

ביי ג. נארדמאן

פאר געלד, ביזשוטעריע

און לאמבארד-קוויטעס

צאהלט די העכסטע פרייזען

אידידאר פיאלקא, פיעטרקאווער 7

4354

Przepraszam.

Niniejszym przepraszam publicznie P. **Minię Hauzer**, również przepraszam p. **Franię Win**, którą obraziłem w obecności jej Koleżanki i Kolegi.

Oświadczam, iż żałuję to, co uczyniłem i że to już więcej się nie powtórzy.–

**SZMUL SANDLER,**

Aleksandryjska 29.

יודען! קויפט היינט אלע די אפצייכנונגען

לטובת דער הילפס-אינסטיטוציע „משמרת החולים"

.משמרת החולים״ גיט ארויס טויזענטער מעדיצינען פאר ארימע יודישע קראנקע! „משמרת החולים״ ערטיילט מעדיצינישע הילף!

העלפט מיט דער זעהר נוצליכער אינסטיטוציע. קויפט די אפצייכנונגען!

